




*

מיר שטאַמען פון פעלזן!
פון פעלזן, צעמאַלטע אף מילשטיין פון צייטן...
מיר שטאַמען פון פעלזן,
וואָס האָבן דעם גורל פאַרבונדן
מיט יאַמען,
מיט ווינטן,
מיט וייטן...

מיר שטאַמען פון פעלזן,
וואָס האָבן צעבראָכן
דעם יאָך פון דעם גליווערנעם שטייען —
מיר גייען —
און וועלדער נאָר וויסטע
אונז קאָנען פאַרהאַלטן...
מיר זיינען די ערשטע
אין פאַלדן פון ווינטן,
מיט וויכערס געבונדן,
מיט כוואַליעס געשוועסטערט,
געברודערט מיט שטורעם —
קיין מיזראַך, קיין מאַרעוו, קיין צאַפן, קיין דאָרעם!





# Dovid Hofshteyn 1889-1952

L'un des poètes yiddish les plus en vue en URSS, Dovid Hofshteyn naît à Korostychiv, en Ukraine. Il suit d'abord l'enseignement de l'école juive traditionnelle puis fait des études d'hébreu et de russe. Dès l'âge de 9 ans il compose des poèmes en hébreu, langue à laquelle il restera très attaché. S'il écrit en yiddish dès 1912, sa première publication dans cette langue date de 1917.

Installé à Kiev en 1907, il y joue un rôle clé dans le renouveau de la vie littéraire yiddish après la révolution. Ses poèmes se distinguent par la variété des rythmes et un langage novateur, et il est considéré comme un guide par les jeunes poètes. Il s'établit à Moscou fin 1920.

Si Hofshteyn adhère à la révolution, il s'oppose à ceux qui préconisent une littérature prolétarienne expurgée de toute trace de culture juive classique. En 1924 il signe une pétition adressée au gouvernement contre les restrictions imposées à l'hébreu. Cela lui vaut de vives critiques qui le poussent à quitter l'URSS en 1925, pour l'Allemagne d'abord, puis pour la Palestine où il séjourne un an, écrivant et publiant en hébreu.

De retour à Kiev en 1926, il exerce de nouveau des responsabilités dans les institutions littéraires.

Lorsque la mainmise du Parti sur la littérature s'accentue, dès le début des années 1930, il publie moins de poèmes pour se consacrer aux traductions ou à la littérature enfantine.

Pendant la guerre, il participe aux publications du Comité antifasciste juif, dont il est membre, avec des poèmes sur le combat contre le nazisme. Ses dernières œuvres résonnent d'une forte tonalité nationale juive. Arrêté en 1948, il est assassiné le 12 août 1952.

*Yitskhok Niborski*

# דוד האָפֿשטיין 1952-1889

פֿון די אָנגעזעענסטע ייִדישע פּאָעטן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער איז געבוירן געוואָרן אין קאָראָסטישעוו, קיִעווער גובערניע. לערנט קינדווייַז אין חדר און באַזונדער העברעיִש און רוסיש. צו נייַן יאָר נעמט ער שרייַבן לידער אויף העברעיִש, אַ שפּראַך צו וועלכער ער בלייַבט נאָענט זייַן גאַנץ לעבן. הייבט אָן שרייַבן ייִדיש אין 1912, אָבער זיך דרוקן ערשט אין 1917.

אין קיִעוו, וווּ ער וווינט זינט 1907, שפּילט ער נאָך דער רעוואָלוציע אַ הויפּטראָלע אינעם נייַעם ייִדישן ליטעראַרישן לעבן. זייַנע לידער (אַן ערשטער באַנד דערשייַנט אין 1919) צייכענען זיך אויס מיט ריטמען־רייַכקייט און באַנייַערישער שפּראַך. מע באַטראַכט אים ווי אַ וועגווייַזער פֿאַר יונגע פּאָעטן. סוף 1920 באַזעצט ער זיך אין מאָסקווע.

האָפֿשטיין האַלט מיט דער רעוואָלוציע, נאָר נישט מיט די, וואָס פּריידיקן אַ פּראָלעטאַרישע קולטור אָן אַ שפּור פֿון דער ייִדישקייט־ירושה. אין 1924 חתמעט ער זיך אונטער אויף אַ מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג קעגן די רדיפֿות אויף העברעיִש. די קריטיק וואָס דאָס רופֿט אַרויס שטויסט אים אַוועקצופֿאָרן אין 1925, צו ערשט קיין דייַטשלאַנד און דערנאָך קיין ארץ־ישׂראל, וווּ ער בלייַבט איין יאָר, שרייַבט און פּובליקירט אויף העברעיִש.

נאָך זייַן צוריקקער קיין קיִעוו אין 1926 פֿאַרנעמט ער ווידער פּאָזיציעס אין די ליטעראַרישע אינסטאַנצן.

זינט אָנהייב 1930ער יאָרן, ווען די פּאַרטיי־פֿאָדערונגען צו דער ליטעראַטור ווערן שטרענגער, שרייַבט ער ווייניקער פּאָעזיע און גיט זיך אָפּ מיט איבערזעצונגען. ער שאַפֿט אויך פֿאַר קינדער.

אין די אויסגאַבעס פֿון ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, וווּ ער איז אַ מיטגליד, דרוקט ער לידער וועגן אַנטינאַצישן קאַמף. אין זייַנע לעצטע לידער וואַרפֿן זיך דורך מאַכטיקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע טענער. ווערט אַרעסטירט אין 1948 און אומגעבראַכט דעם 12טן אויגוסט 1952.

יצחק ניבאָרסקי